# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת בהעלותך, כ"א סיון, אבות פרק ב', שנת תשפ"ו לפ"ק

שנה 15, גליון 35 (754)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:06
מוצאי שבת קודש............9:37

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............דברי הימים-ב כ"ד
בבלי..........................חולין ל"ז
ירושלמי...........בבא קמא ל"ה
תוספתא.................כתובות ה'
רמב"ם........................שבת ט"ז

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

כַּמַּרְאֶה אֲשֶׁר הֶרְאָה ה' אֶת מֹשֶׁה כֵּן עָשָׂה אֶת הַמְּנֹרָה. חַזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, רֵישׁ פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ) אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: "נֶעם אַ שְׁטִיקְל גָאלְד אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן אַ מְנוֹרָה". לְכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, מֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע כֵּלִים פוּן דִי מִשְׁכָּן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ז) אַז כְּדֵי אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט זָאלְן דִינֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע זֵייעֶרֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת, דָאס גֶעשֶׁעט דוּרְךְ דִי שָׁלוֹם וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. וַוייל וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, קֶען אֵיינֶער מַסְבִּיר זַיין פַארְ'ן צְוֵוייטְן, אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיף דִי וֶועלְט הֵייבְּן זִיךְ גֶעוֶוענְלִיךְ אָן וֶועגְן גֶעלְט, אֵיינֶער אִיז מְקַנֵא דֶעם צְוֵוייטְן אַז עֶר אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, עֶר הָאט מֶער גֶעלְט פוּן אִים, אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן דִי אַלֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין שָׁלוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל אַז אֵיינֶער וֶועט דַארְפְן גֶעלְט וֶועט עֶר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, "אִיךְ דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין מֶענְטְשְׁן", אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען וֶועט קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ז') אַז דִי מְנוֹרָה אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִי שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן, דִי מְנוֹרָה הָאט גֶעהַאט 49 חֲלָקִים, אָבֶּער אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען פוּן אֵיין שְׁטִיק. דָאס אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִי 49 אוֹתִיוֹת וָואס אִיז דָא אִין דִי נֶעמֶען פוּן דִי צְוֶועלְף שְׁבָטִים, אַז אַלֶע דַארְפְן זַיין פוּן אֵיין שְׁטִיק, צוּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם.

דָאס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן דִי מְנוֹרָה? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן? עֶס אִיז דָאךְ דָא אַזוֹיפִיל מַחְלוֹקֶת אוּן חִילוּקֵי דֵעוֹת בַּיי אִידְן.

הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, נֶעם דֶעם שְׁטִיק גָאלְד אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, דָאס מֵיינְט נֶעם דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, אַז מֶען זָאל מֶער נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט גֶעבְּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן וָואס הָאט מֶער גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי מַחְלוֹקֶת, וַוייל רוֹב מַחְלוֹקֶת קוּמְט נָאר פוּן גֶעלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, בְּהַעֲלֹתְךָ תשנ"א)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת

אֵיין עֵצָה אִיז דָא אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת: "הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָה"; נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה. וֶוער עֶס הָאט אִין זִיךְ דִי מִדָה פוּן טְשֶׁעפֶּען, פְלִיקְן, שְׁטֶעכְן מִיט וֶוערְטֶער, - דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ - בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד שְׁמוּאֵל אַייזִיק, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אֵיינְמָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים הַארְץ אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא): "שְׁמוּאֵל אַייזִיק, שְׁמוּאֵל אַייזִיק, וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס!" וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אַז אַלֶעס קוּמְט זִיךְ אִים אוּן עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶערֶעכְט, דָאס מַאכְט עֶר זָאל גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין אַנְדֶערֶע, עֶר רֶעדְט שְׁטֶעכֶעדִיג אוּן פְלִיקֶעדִיג; דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן דִי הֵייסֶע בְּלוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דִי עֵצָה אִיז, מֶען זָאל נֶעמֶען דִי הֵייסֶע שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט אוּן דָאס אוֹיסְלַייטֶערְן דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן

<<<<<<

## א גוט ווארט

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד - מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז אַ אִיד, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז נִישְׁט קַיין גוֹי, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹות וָואס מֶען טוּט, מִיט דִי צִיצִית, מִיט דִי תְּפִילִין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַנְשְׁטָאט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַוֶועק נֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטְס – זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין טוּן גוּטְס, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, מִיטְן טוּן גוּטְס פַאלְט מְמֵילָא אַוֶועק דָאס שְׁלֶעכְטְס (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמז), טוּן גוּטְס מֵיינְט דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן טוּן מִצְוֹות מִיט שִׂמְחָה.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם, דֶער תַּם הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת מַעֲשֶׂה ט', מֵחָכָם וְתַם): "דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה, וָואס הָאט יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה מִיט מִיר? אִיךְ דַארְף קוּקְן אוֹיף מִיר, זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ"; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיט דִי שֵׂכֶל פוּן זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַ צְוֵוייטְן, וֶועט אִים גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ו)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בֶּענְקֶען, גְלוּסְטְן אוּן הָאפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בְּא"י), י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דָאס וֶועלְן זַיין גוּט, דָאס בֶּענְקֶען אוּן גְלוּסְטְן צוּ זַיין גוּט – אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן וִוילְן אוּן בֶּענְקֶען (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לא; חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קו; וְעוֹד), אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט זִיךְ זֵייעֶר וַוייט – דָאךְ זָאל מֶען וַוייטֶער בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ, פוּן דֶעם אַלֵיינְס קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען קֶענֶען קוּמֶען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ מִיעוּט פְּעוּלוֹת, דוּרְךְ טוּן אַבִּיסְל; זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְן גֶעזָאגְט פְּשַׁט, טַאקֶע מִיט מִיעוּט פְּעוּלוֹת, אָבֶער מִיט הַרְבֵּה רְצוֹנוֹת, מִיט אַסַאךְ וֶועלְן; אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת אִין צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן רַבִּי עֲקִיבָא.

שְׁטַארְק זִיךְ, לָאז נִישְׁט אָפּ דָאס וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי מֶען שְׁטוּפְּט דִיךְ אַוֶועק, מֶען עֶפְנְט דִיר נִישְׁט דִי טִיר – זָאלְסְטוּ וַוייטֶער בֶּענְקֶען, גְלוּסְטְן אוּן הָאפְן צוּ קֶענֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, אוּן מִיט דֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

לה. מִי שֶׁעוֹזֵר לִיתוֹמִים, עַל יְדֵי זֶה מְשַׁבֵּר כֹּחָם שֶׁל הָאֻמּוֹת, וְעַל יְדֵי שְׁבִירָתָן, רִשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל חוֹזְרִין בִּתְשׁוּבָה. וֶוער עֶס הֶעלְפְט יְתוֹמִים, דוּרְךְ דֶעם צֶעבְּרֶעכְט דִי כֹּחַ פוּן דִי גוֹי'אִישֶׁע פֶעלְקֶער; אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן, וֶועלְן אִידִישֶׁע רְשָׁעִים תְּשׁוּבָה טוּן.

לו. מִי שֶׁמַּחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה, נִצּוֹל מִבֵּית הָאֲסוּרִים. וֶוער עֶס מַאכְט מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה טוּן, וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן תְּפִיסָה.

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רנא)

**תתיג**

י"א שְׁבַט, שַׁבָּת שִׁירָה, אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט אַוֶועקְגֶעפָארְן אַזוֹי וִוי זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען יֶעדֶעס יָאר, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן פִילֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּת.

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן מִיט אַ בֶּענְקֶענִישׁ וִוי אַזוֹי עֶר פְלֶעגְט אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן פָארְן אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה, אוּן וִוי אַזוֹי פוּן יֶעדֶע חֵלֶק פוּן דִי נְסִיעָה אִיז גֶעוָוארְן גָאר אַ נֵייעֶר עִנְיָן, סַיי פוּן דִי רֵייזֶע, סַיי פוּן דִי קַבָּלַת פָּנִים, סַיי פוּן דִי קִיבּוּץ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן סַיי פוּן דִי תּוֹרָה זָאגְן; אָבֶער יֶעצְט קֶען עֶר נִישְׁט. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין תּוֹרָה פוּן גְרוֹיס שְׁוַואכְקֵייט.

**תתיד**

ח"י שְׁבַט, שַׁבָּת פַּרְשַׁת יִתְרוֹ. אוֹיף דֶעם שַׁבָּת אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דֶער מַגִּיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע. עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אַ קַשְׁיָא פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אַ קַשְׁיָא אִיז אִים שׁוֹין שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר אַסַאךְ יָארְן, עֶר הָאט עֶס שׁוֹין גֶעפְרֶעגְט פוּן אַסַאךְ צַדִּיקִים, אוּן קֵיינֶער הָאט אִים דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארֶענְטְפֶערְן.

דִי קַשְׁיָא אִיז גֶעוֶוען אַז דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אוּן דִי אַנְדֶערֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע דוֹרוֹת, הָאבְּן דָאךְ זִיכֶער פַארְפַאסְט אַסַאךְ סְפָרִים, אוּן וואוּ זֶענֶען דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים?

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר זֵייעֶר פַארְפְלַאמְט גֶעוָוארְן, זַיין פָּנִים הָאט גֶעבְרֶענְט וִוי אַ פַאקֶל, עֶר הָאט זִיךְ מְדַבֵּק גֶעוֶוען צוּ וואוּ עֶר הָאט זִיךְ מְדַבֵּק גֶעוֶוען, אוּן אַלֶע אַרוּמִיגֶע הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן; עֶס זֶענֶען דָא בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִּיקִים, אוּן זֵיי וֵוייסְן פְּשָׁטִים אִין דִי תּוֹרָה, זֵיי דַארְפְן אָבֶער בַּאהַאלְטְן זֵייעֶר תּוֹרָה. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע מִיטְ'ן בַּעַל דַּרְשָׁן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז אַמָאל גֶעפָארְן קַיין בְּרָאד

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה "הִתְבּוֹדְדוּת", אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידּוֹת, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת; דָאס זוֹיבֶּערְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִילָה): "דִי לַייט פוּנֶעם קֶענִיג הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן, הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן דֶעם פְרוּמֶען בַּעַל תְּפִילָה זָאל אַרֵיינְגֵיין אִין דִי מְדִינוֹת זֵיי אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן זֵייעֶר שְׁמוּץ", דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָארְט אִיבֶּער אַלֶע כִּיתּוֹת וָואס הָאבְּן גֶענוּמֶען תַּאֲווֹת רָעוֹת אוּן עֲבֵירוֹת, אוּן גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַן אֱמוּנָה, נִישְׁט נָאר זֵיי זֶענֶען אַרֵיינְגֶעפַאלְן אִין דִי תַּאֲווֹת, נָאר עֶס אִיז גֶעוָוארְן בַּיי זֵיי וִוי אַ שִׁיטָה, זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אַז אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן אוּן דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית, דָאךְ הָאט דֶער בַּעַל תְּפִילָה זֵיי אַלֶע אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט; וַוייל תְּפִילָה אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע זַאךְ, וֶוער עֶס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן - אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט, דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד: "שְׁמוּאֵל אַייזִיק, שְׁמוּאֵל אַייזִיק, וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס!"

דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי פַאר יֶעדְן פוּן אוּנְז, קֶענְסְט עֶס זָאגְן פַאר דִיר מִיט דַיין נָאמֶען: "... ... וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס"; רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן שְׁטֶעכֶעדִיג, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַנְדֶערֶע; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע מִידּוֹת, אִיךְ זָאל קֶענֶען לַיידְן יֶעדְן אֵיינֶעם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִידּוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשפ"ב)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

און עֶר אִיז דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ גְבִיר, עֶס זֶענֶען גֶעזֶעסְן דָארְט בַּיים טִישׁ פִילֶע חָשׁוּבֶע אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען לְכָבוֹד דֶעם צַדִיק, אוּן דָארְט פוּן אוּנְטְן בַּיים טִישׁ אִיז גֶעזֶעסְן אַ בַּעַל דַרְשָׁן, וָואס זַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְצוּפָארְן פוּן פְּלַאץ צוּ פְּלַאץ צוּ זָאגְן דְרָשׁוֹת, אוּן דֶער בַּעַל דַרְשָׁן הָאט גֶעגֶעסְן זֵייעֶר אַסַאךְ.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

<<<<<< נייעס

זאכן.

אויך ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט אין חיי מוהר"ן סימן צ"א, אן אינטערעסאנטע חלום וואס דער רבי האט געהאט, זייער אן אינטערעסאנטע מעשה וואס איז כדאי אריינצוקוקן אינעווייניג (ליין די מעשה בקיצור אין די וואכנדיגע גליון, ביי שו"ת ברסלב), און דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט ווי אזוי דער רבי האט זיך דערהאלטן אפילו ווען ער האט געשפירט אז ער איז שוין פארווארפן פוןביידע וועלטן, אפילו ווען מען זאל הערן פון הימל אז מען איז שוין פארפאלן, זאל מען וויסן אז עס איז נישט אמת, דער אייבערשטער ווארפט קיינמאל נישט אוועק א אידיש קינד. דער ראש ישיבה שליט"א האט עס אריינגעטייטשט אין פסוק "נשא את ראש בני גרשון", מען דארף אויפהויבן דעם קאפ פון די "בני גרשון", פון די מענטשן וואס שפירן אז זיי זענען שוין פארטריבן, ווייל דער אמת איז אז אפילו א מענטש האט געטון די ערגסטע זאכן, קען ער אין איין סעקונדע צוריק קומען צום אייבערשטן, אזוי ווי די הלכה איז גע'פסק'נט אז איינער וואס איז מקדש א פרוי מיט א תנאי אז ער איז א צדיק גמור, אפילו ער איז באמת א רשע גמור איז עס א ספק אויף די קידושין, ווייל עס קען זיין אז ער האט געטראכט אין הארץ אז ער וויל שוין תשובה טון.

מוצאי שבת, ביים וואך נאכט, האט דער ראש ישיבה שליט"א נאכאמאל איבערגע'חזר'ט וואס מען האט גערעדט אום שבת, ווי ווייט א מענטש דארף זיך שטארקן אין יעדן מצב, קיינמאל זיך נישט לאזן פארנארן אז דער אייבערשטער האט אים שוין אוועקגעווארפן חס ושלום, ער זאל וויסן אז דאס איז א שקר גמור, דער אייבערשטערווארט יעדע מינוט נאכאמאל אז יעדער איד זאל צוריק קומען צו אים.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערמאנט דעם ערשטן שטיקל פון ספר המדות, וואס דער הייליגער רבי זאגט "מי שרוצה לדבק את עצמו בהשם יתברך, עד שילך במחשבתו מהיכל אל היכל ויראה את ההיכלות בעיני השכל, ישמור את עצמו מלומר שקר אפילו בטעות", אז דאס מיינט דער שקר און טעות וואס מענטשן האבן אז דער אייבערשטער דארף אים שוין נישט האבן, ווען א מענטש היט זיך פון דעם שקר, ער גלייבט אז דער אייבערשטער הערט אויס יעדעס ווארט, אז דער אייבערשטער איז זיך מחי' מיט יעדע קליינע גוטע זאך וואס א מענטש טון, דעמאלט איז ער זוכה אנצוקומען צו העכסטע מדריגות.

זונטאג אינדערפרי איז פארגעקומען דער ברית פונעם אייניקל פון ראש ישיבה שליט"א, דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אינעם טעגליכן מכתב יומי פון זונטאג, "היינט האט מיין זון הרב אלחנן חיים געמאכט א ברית פאר זיין זון, ויקרא שמו בישראל 'נחמן נתן'; די ברית איז געווען אין שטעטל, מיין טאטע שליט"א איז געקומען צו פארן, ער איז געווען סנדק. די סעודת ברית איז געווען ביי מיר אין שטוב, די סעודה איז געווען פאר די משפחה, און אויך פאר די חשוב'ע כולל אינגעלייט, מיין טאטע שליט"א האט זיך מיט זיי משתעשע געווען מיט דברי תורה און שאלות בהלכה, עס איז געווען זייער שיין.", און דער ראש ישיבה שליט"א איז ממשיך אינעם בריוו, "איך דאנק און לויב דעם אייבערשטן פאר אלע חסדים וואס ער טוט מיט מיר, ובעיקר ובפרט אז ער האט רחמנות געהאט אויף מיר און מיך געברענגט צום הייליגן רבי'ן, וואס איז אונז מחזק, און ער ווייזט אונז די רחמנות פונעם אייבערשטן. שטארק זיך, מאך זיך א שיעור אין רבי'נ'ס ספרים, מאך זיך א שיעור אין ספר אשר בנחל, דאס וועט דיך זייער מחזק זיין, עס וועט דיך נישט לאזן פאלן."



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# מֶעג מֶען אַזוֹי רֶעדְן צוּ אַ קִינְד?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ תַּלְמִידָה דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אִיר מַאמֶע זָאגְט אִיר, "וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט אוֹיפְוַואקְסְן, וָואלְט אִיךְ דִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבוֹירְן", אִיךְ הָאב אִין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעקְלֶערְט אַז אַ מַאמֶע קֶען דָאס זָאגְן פַאר אַ קִינְד.

זִי זָאגְט זִי אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי צוּבְּרָאכְן. זִי הֶערְט אַזוֹיפִיל שִׁיעוּרִים אוּן אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף אִיר כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן אִיר מַאמֶע זָאגְט אִיר, "בִּיסְט טַאקֶע זֵייעֶר וואוֹיל לֶעצְטְנְס, אָבֶּער אִיךְ בִּין וַוייט נִישְׁט צוּפְרִידְן". זִי דֶערְצֵיילְט זִי אִיז אַרַיין אִין צִימֶער אוּן גֶעוֵויינְט.

זִי זָאגְט אַז אֵיין זַאךְ הָאט אִיר בַּארוּאִיגְט אַז זִי קֶען עֶס דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אִיךְ מֵיין צוּ זַיין גוּט, אוּן עֶכְט בִּין אִיךְ וואוֹיל.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בְּא"י), י"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַזוֹי וֵוייטָאגְלִיךְ צוּ הֶערְן דִי סָארְט מַעֲשִׂיוֹת, וִוי עֶלְטֶערְן קְלַאפְּן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶען קֶען עֶס נִישְׁט פַארְהֵיילְן, דִי וֶוערְטֶער שֶׁעדִיגְן דִי קִינְדֶער אוּן עֶס בַּאגְלֵייט זֵיי אוּן עֶס מַאכְט זֵיי שְׁלֶעכְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; זַייט מְחַזֵק דִי תַּלְמִידָה זִי זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן, זִי זָאל טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען זִי דַארְף טוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם זָאל זִי טְרַאכְטְן: 'אִיךְ טוּ עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע'; דָאס וֶועט אִיר הֶעלְפְן קֶענֶען טוּן דִי מִצְוָה, זִי וֶועט נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן פוּן נָאכְגֵיין אִירֶע גֶעפִילְן וְכוּ'.

דִי וֶוערְטֶער וָואס זִי זָאגְט, אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְהַאלְט אִיר - דָאס דַארְף זַיין אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר אַייךְ, אוּן פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט קִינְדֶער, מֶען זָאלְן רֶעדְן אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ אַ אִיד, אוּן אַז קֵיינֶער וִויל נִישְׁט הָאבְּן מִיט דִיר, דִי וֶועלְט הָאט דִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁלָאסְן, דִי מִשְׁפָּחָה הָאט דִיךְ פַארְטְרִיבְּן, דִי חֲבֵרִים הָאבְּן דִיךְ בַּאגְרָאבְּן, אוּן דַיינֶע אֵייגֶענֶע בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער וִוילְן מִיט דִיר נִישְׁט הָאבְּן - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ מִיט דִיר, עֶר הָאט דִיךְ וַוייטֶער לִיבּ, עֶר אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר, אוּן נֶעבְּן דִיר; רֶעד צוּ אִים, בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ, אוּן דֶערְצֵייל אִים יֶעדֶע זַאךְ; אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען פוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּ אוּנְז גֶערֶעדְט אַלֶע יָארְן אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע יָארְן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אוּנְז אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז מִיר זֶענֶען גֶעוָוארְן אַזוֹי זִיכֶער מִיט זִיךְ, זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ מַלְאָכִים וֶועלְן מִיר מַחְלִישׁ דַעַת זַיין, אוּן דִי צַדִיקִים וֶועלְן מִיךְ פַארְטְרַייבְּן - זָאל מֶען וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבּ אִיךְ, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צא), וִוי אַלֶע הָאבְּן אִים אָפְּגֶעלָאזְט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, אוּן אוֹיךְ אִין יֶענֶע פְרֶעמְדֶע לַאנְד הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזֶען וִוי עֶר דַארְף זִיךְ בַּאהַאלְטְן, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין וַואלְד.

אַזוֹי זִיצְנְדִיג אִין וַואלְד קוּמְט צוּ צוּ אִים אַן עֶלְטֶערֶער אִיד אוּן הֵייבְּט

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

אִים אָן גֶעבְּן מוּסָר: "הֲיִתָּכֵן, דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט? אַזוֹי פִירְסְטוּ זִיךְ אוֹיף?! שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט פוּן דַיינֶע זֵיידֶעס, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער אוּן פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ? שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט פוּן תּוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב?! וָואס מֵיינְסְטוּ, דוּ וֶועסְט דֶען קֶענֶען בְּלַייבְּן דָא אִין וַואלְד אֵיינֶער אַלֵיין? דַיין גֶעלְט וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן אוּן דוּ בִּיסְט שׁוֹין שְׁוַואךְ"; דֶער עֶלְטֶערֶער אִיד הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בַּאזִידְלֶען דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן: "דוּ וֶועסְט פוּן דָא אוֹיךְ מוּזְן אַנְטְלוֹיפְן, אוּן דָארְט וואוּ דוּ וֶועסְט אַנְטְלוֹיפְן וֶועסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין מְנוּחָה, דוּ וֶועסְט זִיךְ דָארְט אוֹיךְ מוּזְן בַּאהַאלְטְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, וֶועל אִיךְ כָאטְשִׁיג הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט", זָאגְט דִי נְשָׁמָה: דוּ מֵיינְסְט דוּ וֶועסְט הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט? "**אֲפִילוּ בְּגֵיהִנֹּום לֹא יִהְיֶה לְךָ מָקוֹם לְהִטָּמֵן שָׁם כִּי עָשִׂיתָ חֵטְא כָּזֶה**", אֲפִילוּ אִין גֵיהִנוֹם וֶועסְטוּ זִיךְ מוּזְן פַארְשְׁטֶעקְן פַאר אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "לֶךְ לְךָ", גֵיי דִיר אַוֶועק, גֵיי דִיר אַוֶועק, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ וֶועסְט מִיךְ טְרֵייסְטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ מַיין הַארְץ, יֶעצְט אַז דוּ מַאכְסְט מִיר יִסוּרִים, גֵיי גֵיי גֵיי; דָאס אִיז דֶער לִימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז: 'אִיךְ זָאל זִיךְ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן', אוּן דָאס דַארְפְן מִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ו)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יצחק אפפעלבוים** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אלי' לעוו** הי"ו טברי'
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יעקב דוב כהן** הי"ו קרית יואל
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **מרדכי ראזענבערגער** הי"ו בארא פארק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **שלמה קליין** הי"ו בני ברק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **נתן ראזענבערג** הי"ו צפת
**צו די שמחה פון זיין טאכטער עב"ג למזל טוב**

***

מו"ה **משה אהרן גינסבערג** הי"ו לאנדאן
**צו די שמחה פון זיין טאכטער עב"ג למזל טוב**

# "שבת נאך שבועות" מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל

דעם שבת קודש פרשת נשא ב', א "שבת נאך שבועות", ווי צדיקים האבן עס גערופן, מען איז נאכאלץ אונטער די השפעה פונעם הייליגן יום טוב שבועות, האבן די איינוואוינער אין שטעטל געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געקומען אויף שבת קודש.

פרייטאג צו נאכטס ביי די באטע איז פארגעקומען די שלום זכר פונעם אייניקל פונעם ראש ישיבה שליט"א, ביי זיין זון הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א, פילע אנשי שלומינו זענען זיך צוזאמגעקומען, און דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגעשמועסט פון פארשידענע נושאים, ספעציעל איבער די וויכטיגקייט פון דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים, מען דארף טאקע באשטימען א צייט יעדן טאג ווען זיך אויסצוגיסן דאס הארץ פאר'ן אייבערשטן, אים בעטן אויף אלעס וואס מען דארף, אבער דער עיקר דארף מען אסאך דאנקען דעם אייבערשטן אויף די פילע גוטס וואס ער טוט מיט אונז.

מען קען זען אויף די וועלט אז ווען א מענטש האלט אין איין נאר בעטן און מוטשען אויף זאכן וואס ער דארף, קען עס שטערן און מאכן נערוועז, ווען עס קומט אבער איינער זאגן ש'כח, איינער קומט ברענגען א גוטע זאך, ער קומט ברענגען בלומען פאר שבועות, און דאס גלייכן, דעמאלט ווערט מען געוועגליך אויפגענומען שיין, און איינמאל מען הויבט שוין אן שמועסן, קען מען שוין אריינגיין אויך אין זאכן וואס מען וויל בעטן.

ווען א איד שפירט ווי ער ווערט צעקוועטשט פון צרות און שוועריקייטן, ער שפירט ממש ווי די גאנצע וועלט איז ארויפגעפאלן אויף אים און ער פארלירט ממש דעם אטעם, זאל ער אנהויבן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גוטע זאכן וואס ער האט, און מען קען ממש שפירן ווי מען באקומט צוריק די לעבהאפט, עס בארואיגט דעם מח, און מען קען אלעס איבערקומען.

אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א געלערנט תיקוני זוהר אין וואלד, אין גן עדן התחתון, אריינצוגעבן דעם געשמאק אין אנשי שלומינו פון לערנען תיקוני זוהר, דער ראש ישיבה שליט"א האט געלערנט תיקון כ"א, וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אסאך מאל נאך ביי די שיעורים, אז שבת קודש דארף מען אלץ צולייגן נאך און נאך גוטע זאכן, א גאנצע וואך צינדט מען אן איין ליכט, און שבת צינדט מען צוויי, שבת האט מען טאפלט חלות, לחם משנה, א גאנצע וואך צוויי סעודות און שבת דריי, און דער הייליגער זוהר איז ממשיך אז אויב א גאנצע וואך איז מען טרויעריג דארף מען שבת זיין פריילך, אויב א גאנצע וואך קריגט מען זיך מיט די ווייב אדער מיט אנדערע מענטשן, דארף מען שבת זען צו מאכן שלום, צו לעבן בשלום מיט יעדן, און אויב די גאנצע וואך איז מען אויך בשלום, דארף מען אום שבת זיך נאך מער איבערבעטן, נאך מער אריינברענגען שלום און פרידן, עס זאל נאר זיין פריילך און געשמאק.

ביים קידוש פון סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה שליט"א אנגעהויבן א פרישע מעשה, די מעשה פון די זיבן בעטלערס, ווען דער קעניג האט אויפגענומען זיין זון נאך ביי זיין לעבן, און ער האט אים געזאגט, "באשר איך בין א שטערן זעער, זע איך אז דו וועסט אמאל אראפ פון דער מלוכה, בכן זאלסטו זען אז דו זאלסט נישט האבן קיין עצבות, (דהיינו קיין טרויעריקייט) אז דו וועסט אראפ פון דער מלוכה, נאר דו זאלסט פריילעך זיין. און אז דו וועסט פריילעך זיין וועל איך אויך פריילעך זיין, אפילו אז דו וועסט האבן עצבות, וועל איך אויך פריילעך זיין, וואס דו ביסט קיין מלך נישט, ווארן דו קערסט זיך קיין מלך נישט צו זיין, ווארן דו ביסט זיך נישט פריילעך. (כלומר אז דו ביסט אזוי א מענטש וואס דו קאנסט דיך נישט דערהאלטן אז דו זאלסט תמיד פריילעך זיין אפילו אז דו גייסט אראפ פון דער מלוכה, קערסטו נישט זיין קיין מלך) לושמיר אז דו וועסט פריילעך זיין, וועל איך משונה פריילעך זיין", און דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט פון דעם אז יעדער מענטש גייט דאס דורך אין לעבן, ווען ער שפירט אז ער האט אלעס פארלוירן, און אויב איז ער זוכה צו בלייבן פריילך און זיך דערהאלטן, וועט ער זוכה זיין אנצוקומען צו שיינע

<<<<<<


## אנטלויף נישט

'קיינער פארשטייט מיך נישט, יעדער איז ברוגז אויף מיר, איך בין א דורכפאל'; אנטלויף נישט!
עס איז נאך דא פאר דיר א וועג צו הצלחה
קול ברסלב
212-444-9191
1, 2, 1, 12, 2, 25

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >